בס"ד

# דברי תורה מרבינו
# ראש הישיבה מגוד שליט"א

## איבער געטייטשט אויף אידיש

פרשת בהר תשפ"ב
מאמר ב' ס"ג

יו"ל פר' בהר-בחקותי תשפ"ג



## נתנדב לזכר נשמת
## רבינו הפני מנחם זי"ע

**לתרומות נא לפנות למכון**

**כמו"כ ניתן לפנות אלינו לקבלת הגליונות מדי שבוע במייל**


**"גחלי אש"**
לשמיעת שיעורים ושיחות בלה"ק ואידיש
מרבינו **ראש הישיבה מגור** שליט"א
בארה"ב - 7162294771 שלוחה 7 לאידיש
באר"י - 0772277277 שלוחה 7 לאידיש
אנגליה - 03303900476

**"בם חייתני"**
לשמיעת שיעורים ושיחות בלה"ק ואידיש
מרבותינו הק' זי"ע ומרבני הקהילה
בארה"ב - 7162294771 שלוחה 8
באר"י - 037680292
אנגליה - 03303900476 שלוחה 8



© כל הזכויות שמורות



יוצא לאור ע"י מכון "קול מנחם"
מכון להפצת שיעורים ודרשות לשמו ולזכרו
של רבינו ה"פני מנחם" זי"ע



kolmenachem12@gmail.com

**שטייט** אין פסוק (כה, מז) 'וכי תשיג יד גר ותושב עמך ומך אחיך עמו ונמכר לגר תושב עמך או **לְעֵקֶר** משפחת גר', זאגט רש"י 'לעקר - זה הנמכר לעבודה זרה עצמה להיות לה שמש, ולא לאלהות, אלא לחטוב עצים ולשאוב מים', אין דאס איז וואס ס'שטייט אין די גמרא (קדושין כ: ערכין ל:) עקר זה הנמכר להיות כומר ומשרת לע"ז. און תוס' פארטייטשט דארט'ן (שם כ. ושם) אז דערפאר ווערט דער ע"ז אנגערופען מיט'ן נאמען **עקר**, 'לפי שסופה של עבודה זרה ליעקר' [און חז"ל האבען מתקן געווען א ספציעלע ברכה פאר איינער וואס זעהט א פלאץ וויא ס'איז אויסגעריסען געווארן פון דארט עבודה זרה (ברכות נד.)]. דארף מען צו פארשטיין, מיר טרעפען דאך אסאך מאהל אז דער תורה ווארענט אן דער מענטש אויפ'ן עבירה פון ע"ז [און אינעם צייט פון די תורה איז דער יצר הרע פון עבודה זרה געווען בתקפו, ווייל יצרא דעבודה זרה איז דאך דעם עיקר היצר, דער שורש פון אלע יצרים, און שפעטער האבען חז"ל מבטל געווען יצרא דע"ז], און מיר טרעפען נישט אין קיין שום פלאץ אז ס'ווערט אנגערופען מיט'ן נאמען 'עקר', פארוואס דא איז דאס פארענדערט געווארען און מען רופט דאס אן מיט דעם לשון ווייל סופה ליעקר.

**געוויס** זעהט עס אויס אז דער תורה האט דא אנטפלעקט דעם שליסעל צו פארשטיין דעם יצר הרע, און טראצדעם וואס די אנשי כנה"ג האבען מבטל געווען יצרא דעבודה זרה, אבער דער ענין איז אונז נוגע אז מיר זאלען זיך דערפון אויס לערנען אויף אלע נסיונות און איינרעדענישען פונעם יצר הרע. ווייל אט וויל אונז דער תורה לאזען הערען אז דער גאנצע יצרא דעבודה זרה איז אין בו ממש, און ס'איז נאר א פאלטשע דמיון, ווייל **סופה ליעקר**. און געוויס אז אין אלע אזהרות פונעם תורה וואס איז געזאגט געווארען פאר דער וואס האט א נסיון און ער איז פארקאכט נאך עבודה

זרה און דער יצר ברענט אין איהם - שטייט נישט 'עקר', ווייל ס'איז נישט מעגליך אפצושטילען דעם יצר מיט דעם אז עבודה זרה אין בה ממש וסופה ליעקר, ווייל ער רעדט זיך דאך איין אז ס'איז א דבר שיש בה ממש און ס'איז גוט און זיס. און דייקא דא, ווען ס'ברענט נישט אין איהם בעצם דעם יצרא דעבודה זרה, נאר ער ווערט נאר א משרת צו ע"ז, כדי צו פארדינען אויף צו לעבען, קען איהם די תורה זאגען אז די ארבעט'סט ביי עבודה זרה שאין בה ממש, שהרי סופה ליעקר, ווייל נאר ער איז מסוגל דאס צו פארשטיין מיט זיין פארשטאנד.

**און** דער כוונה פון די תורה צו אנטדעקען דעם שליסעל זיך מתגבר צו זיין אויף אלע איינרעדענישען און תאוות פונעם יצר הרע, איז דערפאר ווייל לויט וויפיהל דער מענטש וועט נישט זיין אנגעקלעבט אין דעם איינרעדעניש אז ס'איז דא עפעס דערין אינעם שקר און פאלטשקייט פונעם יצר הרע, און ער וועט נישט זיין אדוק אינעם תאוות היצר, אזוי נאך וועט ער קענען שפירען די אפסיות אין אלע איינרעדינישען פונעם יצר, און ער וועט נישט צוקומען צו ווערען נאכגעצויגען נאך איהם. און אזוי וויא היינט, נאכדעם וואס די אנשי כנה"ג האבען מבטל געווען יצרא דע"ז, פארשטייען מיר בכלל נישט וואס איז געווען די יצר הרע צו דינען עבודה זרה, אזוי אויך לעתיד לבא ווען ס'וועט זיין ביטול היצר און ס'וועט בכלל נישט זיין קיין תאות פונעם יצר (עי' זוה"ק ח"א מה"נ קלז:), וועלען מיר בכלל נישט פארשטיין פארוואס זענען מיר נאכגעלאפען נאכ'ן יצר הרע און די גשמיות'דיגע אהבות, ווייל דער גאנצע כח פונעם יצר איז די כח המדמה - וואס ער שטעלט פאר פאר'ן מענטש, און מיט דעם פאלטשען כח מיט כל מיני ערליי אנדערע לבושים, ווייל יעדען טאג קומט ער מיט א אנדערע מלבוש.

**אבער** ס'פרעגט זיך די שאלה, כל זמן וואס מיר האבען נישט זוכה געווען צום ביטול היצר, איז דער מציאות אז מיר האבען א להיטות נאכ'ן יצר הרע, און נישט אזוי ווי א משרת צום ע"ז וואס ער טוהט דאס נישט נאר כדי

צו פארדינען למחייתו, אויב אזוי, וויא אזוי וועט מען קענען דאס אדורכפירען זיך אפצוהאקען פונעם אדיקות אינעם יצר הרע, און זיך איבער צייגען אין פנימיות פון הארץ אז ס'איז אין בו ממש, און וואס איז די שליסעל וואס מיר האבען אין דער האנט וואס מיט דעם קען מען זיך פארמעסטען מיט'ן יצר וואס ברענט אין אונז.

**נאר** דער הסבר דערין איז, אז ס'שטייט אין די סוף פון די פרשה פון עבדים (כה, נה) '**כי לי בני ישראל עבדים עבדי הם אשר הוצאתי אותם מארץ מצרים אני ה' אלקיכם**', און נעבען דעם שטייט (כו, א) '**לא תעשו לכם אלילים ופסל ומצבה לא תקימו לכם**', און רש"י ברענגט אראפ א תורת כהנים אז דאס איז א המשך צום פריעדיגע פרשה - '**כנגד זה הנמכר לגוי, שלא יאמר הואיל וְרַבִּי מגלה עריות אף אני כמותו, הואיל וְרַבִּי עובד עבודה זרה אף אני כמותו, הואיל וְרַבִּי מחלל שבת אף אני כמותו, לכך נאמרו מקראות הללו**'. און די מפרשים שטעלען זיך שוין וויא אזוי קומט דא אריין דער ענין פון גילוי עריות - מאן דכר שמיה, דער פסוק רעדט דאך נאר פון עבודה זרה און שמירת שבת.

**און** מ'קען געבען צו פארשטיין די כוונה פון חז"ל בהקדם די רייד פונעם **בעל הטורים** אנהייב פרשת קדושים, אויפ'ן פסוקים (יט, ג-ד) '**אני ה' אלקיכם, אל תפנו אל האלילים ואלהי מסכה לא תעשו לכם אני ה' אלקיכם**', שרייבט דער בעל הטורים "**אלקיכם', וסמיך ליה 'אל תפנו', כלומר אֵל שעשיתם מדעתכם אל תפנו לו** (עי' שבת קמט.)". און די **מפרשים** מיטשען זיך צו פארשטיין וואס ער זאגט, ווייל לכאורה זענען זיינע ווערטער תמוהין, ווייל אויך אן די סמיכות צום סוף פון די פריעדיג'ן פסוק 'אני ה' אלקיכם', פונדעסטוועגען פשטא דקרא פון 'אל תפנו אל האלילים' איז אז א מענטש זאל זיך נישט אומקערען צו עבודה זרה שעשיתם מדעתכם.

**און** אט שטייט אין די גמרא (שבת שם) אז אסור להסתכל בדיוקנאות [רש"י איז מסביר 'כגון בני אדם המציירים בכותל חיות משונות, או דיוקנות של בני אדם של מעשים, כגון מלחמת דוד וגלית', און תוס' זאגט 'דבשויה לשם

עבודת גלולים אמר'], משום שנאמר (קדושים שם) **'אל תפנו אֶל האלילים'**, מאי תלמודא, אמר רבי חנין **אל תפנו אל מדעתכם**. זאגט רש"י 'אַל תִּפְנוּ אֶל מדעתכם - אֶל אשר אתם עושים מדעת לבבכם וחלל שלכם, אלילים - לשון חללים' [ויש להבין איך דריש אלילים מלשון חללים, ואולי כדאיתא בירושלמי (פאה פ"ז ה"ה מע"ש פ"ה ה"ב) 'הילולים - חלולים', ואף שיש הבדל, כי ה"א גם דומה בצורה לחי"ת, וגם בביטוי [הנכון, שאין לנו] דומה לחי"ת, אבל אולי שייך לדרוש. ואולי כוונת רש"י אַל - הוא לא וריק, כמו חלל ריק. וצ"ת]. און דער **ריטב"א** איז מסביר די כוונה פון רש"י, דהכי קאמר אל תסתכלו למה שעשו ידכם ויצא מחלל לבבכם. און דער **ר"ן** (סג. מדה"ר) טייטשט אין נאמען פון די **ערוך**, און אזוי אויך דער **ריטב"א** אין נאמען פון די **רמב"ם**, 'אַל תְּפַנוּ קֵל מדעתכם', ווייל אין די צייט וואס עטץ קוקט'ס אויף די בילדער - בדיוקנאות, קערט עטץ אפ אייער מחשבה און דעת פונעם אייבערשטער און פון געדענקען דעם אייבערשטען.

**וי"ל** אז אין אמת'ן אריין מיינען ביידע פירושים איין זאך, און לדבר אחד נתכוונו, ווייל יעדער מענטש האט א חלל הלב - וואס דארט איז די כח המדמה און די כח האהבה, און ס'ווענדט זיך וואס דער מענטש לייגט דארט אריין, מ'קען טאקע דארט אריין לייגען דמיונות פונעם יצר הרע, אויסנוצען די 'דמיון' און די 'כח האהבה' צו 'אלילים', און 'אלילים' איז כולל אלע תאוות פונעם יצר הרע - סיי פוסטע רייד און עבודה זרה, און אזוי אויך נאכדעם וואס זיי האבען מבטל געווען יצרא דע"ז - וואס דעמאלט מיינט 'אלילים' יצרא דעריות, ווייל אויב דער מענטש ערפילט זיינע 'חללים' פונעם הארץ מיט פרעמדע תאוות, טוהט דאס איהם דערווייטערען פון געדענקען דעם אייבערשטען. אבער פונעם צווייטען זייט קען מען ערפילען די 'חלל הלב' מיט אהבת הבורא ית"ש און תורה און מצוות, און דעמאלט טוהט ער נישט אפטוהן זיין הארץ פונעם אייבערשטען.

**און** דאס איז די אזהרה פון **'אַל תְּפַנוּ קֵל מדעתכם'** - וויפיהל מער דער

מענטש וועט אנפילען זיין הארץ מיט ליבשאפט צום אייבערשטען, וועט איהם זיין לייכטער מקיים צו זיין 'אַל תִּפְנוּ אֶל מדעתכם' - זיך נישט צו ווענדען צו אלע הבלי העולם. און דאס איז די שליסעל - מפתח צום מלחמת היצר, דער כח זיך צו פארמעסטען מיט איהם אזוי וויא עס דארף צו זיין. און אזוי וויא דער **שפת אמת** זאגט ביי אונז אין פרשה (עי' בהר תרל"ו ד"ה בפסוק, תרמ"א ד"ה בפסוק) אויפ'ן משנה (אבות פ"ג מ"ה) 'כל המקבל עליו עול תורה מעבירין ממנו עול מלכות', '**עול מלכות**' מיינט נישט נאר שעבוד מלכיות פון יעדער גלות כפשוטו, נאר דער עיקר דערהער פון 'עול מלכות' איז דער עול פונעם יצר הרע - וואס ער איז א מלך זקן וכסיל. און טראצדעם וואס ס'שטייט אין זוה"ק (בהר קח.) 'מאן דכפית באחרא אין יכול לקבל עול מלכות שמים כראוי', פונדעסטוועגען אויב מ'וועט זאגען אז ער דארף נאך אראפ נעמען פון זיך עול מלכות, איז געדרינגען דערפון אז א יוד האט דער כח מקבל זיין אויף זיך 'עול תורה' נאך אלץ ווען ער איז אונטער 'עול מלכות', און דורכדעם וואס ער איז מקבל אויף זיך 'עול תורה', איז 'מעבירין ממנו עול מלכות' (עי' תרמ"ג ד"ה וכתיב ועי' תרמ"ד ד"ה בפסוק). ד. ה. אז אויך דער וואס איז שוין שקוע בחטא און ער איז כפות באחרא, וואס דער מלך זקן וכסיל האט איהם שוין איבער גערעדט און איהם אריין געכאפט אין זיין נעץ, און ער האט זיך שוין געוואנדען צו די געטשעקעס, און ער האט אנגעפילט דעם חלל פון זיין הארץ מיט פרעמדע תאוות, פונדעסטוועגען האט ער א מעגליכקייט מקבל זיין אויף זיך עול תורה און עול מלכות שמים - אנפילען די הארץ מיט אהבה צום רבונו של עולם, און דורכדעם אוועק צושטיפען און אפ טוהן אלע אנדערע ליבשאפטען.

**אבער** דאס ווענדט זיך ביי יעדער איינער און איינער לויט זיין ארבעט, ווייל דער **שפת אמת** (תרל"ו הנ"ל) שרייבט '**וכפי מה שמקבלין להיות עבדי** ה' ['כי עבדי הם אשר הוצאתי אותם מארץ מצרים' (כה, מב)], **כך מתקיים** סוף הפסוק (שם) '**לא ימכרו ממכרת** עבד', **וזהו שאמרו במשנה המקבל**

**עליו תורה מעבירין ממנו עול מלכות'** [וכן כתב (תרמ"א הנ"ל) 'כפי קבלת עול מלכות שמקבלין, כך פורקין שעבוד מלכיות']. און ס'איז באוואוסט וואס 'חסידים' האבען געזאגט אז דארט וויא דער שפת אמת האט געשריבען 'כפי', מיינט ער צו זאגען אז ס'איז פארהאן דרגות דערין, ווייל ס'איז דא איינער וואס איז מקבל אויף זיך נאר אביסעל פון עול מלכות שמים און עול תורה, און ער וויל זיך נאכנישט אינגאנצען אפהאקען פון די תאוות היצר. אבער דער מענטש דארף וויסען אז ס'ווענדט זיך אין איהם, ביז וויפיהל ער וועט אנפילען זיין הארץ מיט אהבת ה' און רוחניות, אזוי נאך איז מעבירין ממנו עול מלכות אינגאנצען, און ער וועט זיך קענען מתגבר זיין אויף די איינרעדענישען פונעם יצר, און נישט אפ טוהן זיין הארץ פון צו גדענקען דעם אייבערשטען.

**און** מיט דעם קען מען געבען צו פארשטיין דאס וואס דער **בעל הטורים** זאגט אז די הקדמת 'אני ה' אלקיכם' וואס שטייט פאר 'אל תפנו אל האלילים', דאס געבט דער כח מקיים צו זיין 'אל תפנו אל האלילים', ווייל ס'ליגט אויפ'ן מענטש א אויפגאבע אריין צו קלערען אז דער כח אהבה שבלב וואס דער אייבערשטער האט איהם געגעבען, איז אזוי וויא ס'שטייט אין די ספה"ק אז ס'איז געמאכט געווארען כדי אז ער זאל זיך דערמאנען אינעם 'אהבה' און 'חמדה' של מעלה, דער תשוקה וואס ער האט אינעם נפש, וואס דאס איז די אמת'ע אהבה, און לויט וויפיהל עס וועט זיין אדורכגענומען אינעם וויסענשאפט פונעם מענטש 'אני ה' אלקיכם' - אז דער חלל הלב זאל זיין אנגעפילט מיט אהבה צום רבונו של עולם, אזוי נאך וועט ער האבען דער געוועהר און דער כח זיך נישט צו ווענדען צו די אלילים.

**און** דאס איז וואס רש"י ברענגט פון די תורת כהנים, אז דורכדעם וואס דער מענטש איז מקבל אויף זיך א עול מלכות שמים - כי לי בני ישראל עבדים עבדי הם, און ער פולט אן די 'חללים שבלבו' מיט אהבת ה' - אני ה' אלקיכם, דעמאלט זענען נישט די חללים פונעם הארץ פנויים צו די

פיתויי היצר, און ער ווענדט זיך נישט צו די אלילים, סיי יצרא דע"ז און סיי יצרא דעבירה - וואס זיי זענען אלע אלילים וואס פארשטאפען דעם חלל הלב און נעמען איהם אוועק פון אהבת ה'.

**דער** אייבערשטער זאל העלפען מיר זאלען זיך קענען צוגרייטען צו מתן תורה אזוי וויא עס דארף צו זיין, און מיר זאלען זוכה זיין מקבל זיין אויף זיך עול תורה און עול מלכות שמים באמת, און דורכדעם וועט דער אייבערשטער אונז לייכטער מאכען און ער וועט אראפ נעמען פון אונז דעם עול שעבוד מלכות כפשוטו - עול הגלות, אין דעם עול פונעם יצר הרע - המלך זקן וכסיל.